# עַם סְגֻלָה



נומער 3

# עַם סְגֻלָּה




יצא לאור על ידי עסקני

**וועד לחיזוק הדת**

בהתעודדות הרבנים הגאונים שליט״א

חודש תמוז תשס״ב ברוקלין נ.י.

## הסכמות הרבנים שליט"א במילואו על מפעלינו נדפסה בחלקים הקודמים, משם תדרשנו לטובה וזכרון אחד עולה לכאן ולכאן

**מדברי הגאון הצדיק ריה"מ פרידמאן שליט"א דומ"ץ קהל יטב לב דסאטמאר**

הנני בזה לחזק ידי העסקנים החשובים שיחיו המפרסמים ענינים נחוצים בנוגע מלבושי צניעות שהם יסודן של קדושת ישראל וטהרתן, והוא דבר נכון מאוד לאסוף ולקבץ עניני צניעות בלשון אידיש לבית יעקב אלו הנשים...

**מדברי הגה"צ רבי הילל וויינבערגער שליט"א אבדק"ק סערדאהעלי**

... והם דברים ערבים ומתוקים הראוים לעלות על שלחן בנות מלכים...

**מדברי הגה"צ רבי מאיר שודרוס זילבער שליט"א אבדק"ק ור"מ יאוואזשנא**

... וראיתי בו ענינים נחוצים ומועילים מאוד... וראוי להפיצם בבתי בני ישראל להורותם את הדרך אשר ילכו בה...


צו באקומען דעם קונטרס רופט:

**הוצאת באר יהודה**

**154 Lee Ave.**

**Brooklyn, N.Y. 11211**

**(718) 935-1601**


**נדיבי לב ווערן געבעטן זיך באטייליגן אין די גרויסע הוצאות הקונטרס, ביטע אריינשיקן צום אויבנדערמאנטן אדרעס**

(צושרייבן די ווערטער "עם סגולה")

**וכל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו**


*Printed in the U.S.A. by:*
EDISON LITHOGRAPHING CORP.
37-25 Tonnelle Ave.
North Bergen, N.J.
(212) 741-2212 / (201) 902-9191
חיים אלימלך גראס . יוסף אסטרייכער

## שים שלום

**נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה, סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ** (תהלים ל״ד) - ״היט אָפּ דיין צונג פון שלעכטס און דיינע ליפּן פון רעדן פאַפּעריי, קער זיך אָפּ פון שלעכטס און טוה גוטס, טוה אויפזוכן פרידן און טוה אים נאָכיאָגן!״

חז״ל זאָגן (סנהדרין ק״י): ווער עס האַלט אָן מחלוקת איז עובר אויפ׳ן לאו פון **וְלֹא יִהְיֶה כְקֹרַח וְכַעֲדָתוֹ** (במדבר י״ז) - ״דו זאָלסט נישט זיין אַזוי ווי קרח און זיין געמיינדע!״

ווען מ׳פרעגט אַ מענטש: ״פאַרוואָס פירסטו מחלוקת?״ ענטפערט ער באַלד: ״איך קריג זיך נישט, יענער קריגט זיך מיט מיר!״

לאָמיר זעהן: חז״ל זאָגן (שם) אויף דעם וואָס משה רבינו איז געגאַנגען צו דתן ואבירם פּרובירן מאַכן שלום: **מכאן שאין מחזיקין במחלוקת** - ״פון דאָ לערנען מיר אַז מען טאָר נישט אָנהאַלטן קיין מחלוקת!״

אויב מיר טראַכטן אַריין וואָס דאָ איז פאָרגעגאַנגען, קען זיך ממש די האָר פון קאָפּ אויפשטעלן!

משה רבינו האָט אַלס יונגל אין מצרים געזעהן אין אַ געוויסן טאָג ווי אַ מצרי שלאָגט אַ איד, האָט ער גע׳הרג׳עט דעם מצרי און מציל געווען אַ איד. דעם אַנדערן טאָג זעהט ער ווי דתן ואבירם קריגן זיך, האָט ער זיי מוסר געזאָגט דערויף. האָבן זיי אים פאַר׳מסר׳ט פאַר פרעה אויף די נעכטיגע מעשה פון דעם מצרי, אַזוי אַז פרעה האָט אים געוואָלט הרג׳ענען, בדרך נס האָט ער זיך געראַטעוועט און אַנטלאָפן קיין כוש און דערנאָך קיין מדין. איבער 60 יאָר איז ער געווען עלנד אַליין אָן קיין טאַטע מאַמע געשוויסטער די הייליגע שבט לוי, עמרם זקן ויושב בישיבה, אַלעס אַ דאַנק די צוויי מוסרים דתן ואבירם.

ענדליך זאָגט אים השי״ת אַז ער זאָל גיין אויסלייזן די אידן פון מצרים. משה גייט צו פרעה און דער מצב ווערט נאָך דערוייל ערגער. אַרויסגייענדיג

באַגעגענען אים אידן און שרייען אים אָן אויף דעם. ווער זענען געווען די שרייער? ווייטער דתן ואבירם זאָגן חז״ל. שפעטער ביי די מן ווען משה האָט אָנגעזאָגט נישט איבערלאָזן קיין מן אויף מאָרגן, האָבן זיי יאָ איבערגעלאָזט. משה זאָגט אַז שבת וועט נישט פאַלן מן, האָבן די צוויי מחללי שבתות אויסגעשפרייט פרייטאָג צו נאַכטס מן כדי צו ווייזן אַז משה האָט אַ טעות. און נאָר אַ דאַנק די ״פייגל״ איז משה׳ס כבוד געבליבן גאַנץ.

און אַצינד ביי די מחלוקה פון קרח זענען זיי געווען פון די גרעסטע העצערס - ווי די תורה זאָגט אויף זיי עדות - טראָץ דעם וואָס משה האָט זיי קיינמאָל נישט געטשעפעט. און ווען משה שיקט זיי רופן, ענטפערן זיי שטעכיגע חוצפה רייד וואָס מ׳רעדט נישט אַזוי צו אַן איינפאַכן פשוט׳ן מענטש, כל שכן פאַר אבי כל הנביאים. און... משה רבינו גייט בכבודו ובעצמו צום געצעלט פון דתן ואבירם - עטליכע שעה פאַר זייער מפלה איז ענדליך געקומען. - פאַרוואָס איז ער געגאַנגען? זאָגן חז״ל ווייל מען טאָר נישט זיין קיין ״מחזיק במחלוקת״. וואָלט משה נישט געגאַנגען טוהן אָט דעם לעצטן שלום מיטל, וואָלט ער געהייסן ח״ו אַ ״מחזיק במחלוקת״.

כאָטש זיי טיילן אים שוין אויס געברענטע צרות, גע׳מסר׳ט פאַר פרעה צום טויט, געוואָלט מאַכן צו נאַר זיין הייליגע נבואה ביי די מן, מחלל שבת געווען, אָנגעהעצט אַן אומזיסטע מחלוקה פאַר גאָרנישט, און משה דאַרף נאָך גיין צו זיי, אויב נישט הייסט ער אַ ״מחזיק במחלוקת״ - ער האַלט אָן מחלוקת - פאַרוואָס?

ווייל ווילאַנג מען האָט נאָכנישט געטוהן דאָס ״מאַקסימום״ אָפצושטעלן די מחלוקת אויף יעדן פרייז, האָט מען נאָכנישט יוצא געווען!

מה נאמר ומה נדבר? וואו זענען מיר אויף דער וועלט?!... **בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ!**

**הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד**

טייערע ברידערלעך - האַרציגע ברידערלעך
פאַרוואָס זיך קריגן כָּאֵשׁ וּמַיִם,
לאָמיר איינער צום אַנדערן האָבן געפיל
אַלע זענען מיר דאָך באַשאַפן פאַרן זעלבן ציל
לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים
שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד
אוי, לאָמיר זיך אויפוועקן פון חלום
איינער מיטן אַנדערן מאַכן שלום
כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד

## אַ האַרצרייסענדער ברייוו פון שפּיטאָל

מיר ווענדן זיך מיט אַ בקשה צו אונזערע טייערע שוועסטער פון אומעטום:

מיר ליגן ליידער אין בעט מיט פיל יסורים און ווייטאָג. יעדע שטונדע שטעכט מען אונז, מען טוט איינשפּריצן אין אונז שאַרפע כעמיקאַלן לא עליכם! אונזערע קינדער זענען צוטיילט ביי קרובים און גוטע פריינד. איר דרייט זיך אַרום ב"ה געזונט און שטאַרק, השי"ת זאָל אייך העלפן אויף ווייטער. מיר בעטן אייך, האָט אַביסל מיטלייד מיט אונז - צדיקים האָבן געזאָגט אַז די ביטערע קרענק קומען צוליב די מאָדעס פון פרויען קליידער - ביטע וואַרפט אַוועק אייערע שמאָלע גראָדע סקוירטס, לאַנגע שייטלען, דורכזיכטיגע שטרימפּ. כאָטש עס קומט אָן שווער, איז דאָס נאָך אַלץ גרינגער ווי מיטצומאַכן וואָס מיר מאַכן מיט.

הערט אויף הערן און רעדן שלעכטס אויף אידן, וועט השי"ת אויף אונז אויך הערן און רעדן נאָר גוטס.

טייערע שוועסטער: טוט פאַרגרינגערן אונזערע יסורים, און גלייכצייטיג וועט דאָס ברענגען פאַר אייך פיל גוטס, געזונט, נחת, פרנסה בריוות, און אפשר דורך אייער מסירת נפש וועלן מיר האָבן אַ רפואה שלימה בקרוב

*די ליסטע איז ליידער גרויס אין צאָל*
*וועלן מיר אונטערשרייבן אַלע אויף אַמאָל*
***חולי עמק ישראל***

**דברים האסורים כגון לשון הרע ולצנות ומחלוקת, ובפרט בבית הכנסת ובשבת ויום טוב, על אלו צריך לידד לשאול למטה הרבה מאוד, ואי אפשר לשער גודל היסורין והצרות שסובל בשביל דיבור אחד!** - "אויף רעדן לשון הרע לצנות מחלוקת, איבערהויפּט אין בית הכנסת אָדער שבת ויום טוב, אויף דעם וועט מען דאַרפן גיין אין טיפן שאול תחתית, מען קען זיך נישט פאָרשטעלן די גרויסע יסורים און צרות וואָס דער מענטש וועט ליידן צוליב איין וואָרט!" (אגרת הגר"א)

**ביטע אויפהענגן אין בית המדרש**

חשובע שוועסטער: איידער מען רישט זיך אַרויסצוגיין אויף די גאַס מיט אַ שמאָלע סקוירט, גיב נאָר אַ טראַכט: אונזערע שוועסטער וועלכע ליידן יעצט אין שפּיטאָל אינטערסירט נישט אַצינד קיין קליידער. איין זאַך אינטערסירט זיי: "געזונט!" - יעקב אבינו האָט געבעטן פון השי"ת: גיב מיר **לֶחֶם לֶאֱכוֹל וּבֶגֶד לִלְבּוֹשׁ** - "ברויט צום עסן און אַ קלייד אָנצוטוהן" - פאַרוואָס דאַרף שטיין די ווערטער לאכול, ללבוש, געוויס איז ברויט צום עסן און אַ קלייד איז געמאַכט אָנצוטוהן? - נאָר, ווען איינער ליגט ח"ו אין שפיטאָל, דאָס ברויט ליגט נעבן אים מיט פיינע צושפייז, אָבער ער עסט נישט, ער קען נישט עסן. די קליידער הענגען אין שאַפע, ווינטער קליידער, זומער קליידער, שבת און וואָכן, אָבער עס איז נעבעך נישט אָנצוטוהן. דאָס האָט יעקב אבינו געבעטן: "ברויט צום עסן און אַ קלייד צום אָנטוהן!"

לאָמיר זיך זעלבסט פרעגן: "בין איך נישט שולדיג אין די אַלע קרענק? מיט מיין קליידונג שטופּ איך נישט אַוועק די שכינה הקדושה פון אונזער מחנה? די תורה זאָגט (דברים כ"ג): **כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ** - "ווייל השי"ת דיין גאָט גייט אין דיין מחנה דיך צו ראַטעווען און איבערצוגעבן דיינע פיינט פאַר דיר, דעריבער זאָל דיין מחנה זיין הייליג און עס זאָל נישט געזעהן ווערן ביי דיר קיין ערוה וועלכע מאַכט אַוועקקערן די שכינה פון דיר!" - השי"ת בעט זיך צו אונז (שמות כ"ה): **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם** - "מאַכט מיר אַ הייליגע וואוינונג וועל איך רוען צווישן אייך!" - ווען די שכינה איז מיט אונז האָבן מיר נישט קיין פּראָבלעמען.

### מה נשתנה?

פאַרוואָס ווען עס מאַכט זיך אַ שאלה אין הלכות בשר בחלב, בלוט'ס טראָפּ א.א.וו. ווייסט מען צו פרעגן אַ שאלה פונעם דיין, און ווען מען האָט אַ שאלה אין הלכות צניעות (צי דאָס קלייד הייסט רויט אָדער נישט, הייסט דאָס דורכזיכטיג, שמאָל, קורץ, שרייעדיג) פּסק'נט מען זיך אַליין. מה נשתנה?...

אין אַ שטוב וואו עס איז נישט דאָ קיין צניעות,
ווערן דאָרט קליינע קינדער געשעדיגט! (קב הישר פרק נ"ח)

## דזשאָרזש בוש
פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע
וואַשינגטאָן די. סי.

## George W. Bush
President of U.S.A.
Washington D.C.

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין מלחמה קעגן טעראָריזם, טוה איך זיך ווענדן צו די אידישע געמיינדע מיט די פאָלגענדע אויפרוף:

די אַמעריקאַנער שפיאָנאַזש אַגענטורן זענען געוואויר געוואָרן, אַז אַ גרופע טעראָריסטן פונעם אַרגסטן סאָרט האָבן זיך גרופירט אין פאַריז-פראַנקרייך, פאַבריצירנדיג אומווערדיגע קליידער. פון דאָרט טוען זיי דאָס פאַרשפרייטן איבער די וועלט אויך אין אַמעריקע, און אויך אפילו אין די אידישע געגנטער אומעטום.

די דאָזיגע קליידער ברענגען - לויט ערנסטע קוועלער - פאַרשידענע סאָרט קרענק וועלכע רייסן נעבעך אַוועק אומשולדיגע קָרבָּנוֹת נָאכאַנאַנד, יונג און אַלט. אויך זאָגן עקספערטן אַז דאָס שאָדט שרעקליך פאַר די עקאָנאָמיע, פאַר די פרנסות. פאַר'ן חינוך פון אונזערע קינדער איז דאָס גאָר שעדליך, און לויט קראַנטע שאַצונגען האָט דאָס פיל בייגעשטייערט צום קראַך פון סעפּטעמבער 11... (כל מקום שאתה מוצא זנות אנדרלמוסיא בא לעולם והורגת טובים ורעים - רש"י, פר' נח).

איך טוה ווידערהאָלן מיין פאַליסי: נישט נאָר אַ טעראָריסט איז אַ טעראָריסט, נאָר דער וואָס שטיצט טעראָריזם וועט באַשטראָפט ווערן פונקט ווי אַ טעראָריסט! - ווער עס קויפט אַ קלייד לויט די מאָדע פון אָט די געמיינע חברה, דער שטיצט די געפערליכסטע טעראָריסטן וועלכע ברענגען אַלע צרות און פראָבלעמען פאַר די מענטשהייט! - ווער עס גיט אַ קאָמפּלימענט פאַר איינע וואָס טראָגט אַזאַ קלייד, איז אַ פאַרברעכער!

באַזונדערס וואונדערט מיר אויף דאָס אידישע פאָלק, וואָס אייער גרויסער נביא **משה** האָט אייך אָנגעזאָגט אַז אויב מען גייט אָנגעטוהן מיט אַזעלכע קליידונג, דאַן גייט גאָט אַוועק פון אייער מחנה (דער פרעז. מיינט דעם פסוק **וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ**) - אויך אייער נביא **ישעיהו** וואָרנט אַז צוליב וואָס אידישע טעכטער גייען מיט פריצות קומען פאַרשידענע ביטערע קרענק. (דער פרעז. מיינט דעם פסוק (ישעי' ג') **יַעַן כִּי גָבְהוּ בְּנוֹת צִיּוֹן** וגו') - וויאַזוי וואַגט איר צו געבן אַ האַנט פאַר די שעדליכע עלעמענטן דורך קליידן זיך מיט די געמיינע סאָרט קליידונג?!

איך טוה אויפפאָדערן די אידישע רבנים און קהילה פירער: טוט מיר צוהעלפן מיט מיין ציל אויסצוראָטן שלעכטס פון דער וועלט! אויסרוימען די וועלכע פלאָגן די מענטשהייט! - איך פאַרענדיג מיין בריוו מיט אַ וואונטש: אַ גאַנצע ערהוילונג פאַר אַלע פאַציענטן וועלכע ליגן נעבעך מיט יסורים און ווייטאָג אַ דאַנק די פאַריזער מאָדעס, גאָט זאָל אייך אויסהיילן ווי אַמשנעלסטן.

מיט פיל עהרע צום אידישן פאָלק

**מר. בוש**

# כרבלתא

אַ געפילדער פון סוחרים און אַ טומל פון קונדן, פויערן שטופן וועגענער מיט פרוכט און גרינצייג. פאַרשידנאַרטיגע מענטשן אידן און להבדיל גוים דרייען זיך אינעם גרויסן מאַרק אַהער און אַהין, אָנפילנדיג די קוישן מיט פראָדוקטן.

אין די זייט פונעם גרויסן טומל דערקענט זיך די שטראַלענדע צורה פונעם הייליגן אמורא **רב אדא בר אהבה** אין די באַגלייטונג פון זיינע טייערע תלמידים. זיי איילן זיך צום טעגליכן שיעור וועלכע רב אדא גייט אָצינד פאָרלערנען אין בית המדרש. זייער געדאַנק איז נישט איבער עולם הזה׳דיגע געברויכן אין וועלכע דער מאַרק איז איינגעטינקען, זייער ציל איז העכער׳ס, תורה הקדושה. **כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאוֹרֶךְ יָמֵינוּ וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה.**

עטליכע תלמידים נעמען זיך קוראַזש און פרעגן זייער גרויסן רבי׳ן אַ האַקעלע פראַגע, וואָס די תלמידים ווילן שוין לאַנג וויסן דעם ריכטיגן אַנטוואָרט: ״אין וועלכן זכות האָט דער רבי זוכה געווען צו אַזאַ אריכת ימים, צו דערגרייכן אַזאַ הויכן עלטער געזונטערהייט?״

און, רב אדא ענטפערט באַלד מיט אַ שמייכל, ווען די תלמידים בייגן זיך צו מיט גרויס נייגער צו הערן דעם תירוץ: **מימי לא הקפדתי בתוך ביתי** - ״קיינמאָל האָב איך זיך נישט געבייזערט אין מיין שטוב!״ (מס׳ תענית כ׳:) - די תלמידים טוען דאָס איבערשמועסן צווישן זיך. טראַכט די פיל שוועריגקייטן און פראָבלעמען וואָס זענען אַדורך אויפ׳ן רבי׳ן במשך זיין לעבן, האָט ער זיך באַהערשט די געפילן און זיך קיינמאָל נישט אויפגערעגט.

אַזוי גייענדיג און שמועסנדיג דברי תורה גיט רב אדא פלוצלונג אַ טיפן קרעכץ ״אוי ווי!״ - וואָס איז? אַ מיידל איז אַדורך פאַר רב אדא׳ס אויגן אָנגעטוהן מיט אַ ״כרבלתא״. [לויט׳ן ספר הערוך מיינט דאָס אַ רויטע קאָליר וועלכע איז אַ פריצות פאַר אַ אידישע טאָכטער. לויט רש״י (ברכות דף כ׳. ועיי״ש היטב במהרש״ל) מיינט דאָס אַ טייערע אויפפאַלענדע אויבער קלייד, מיט וועלכע מען טאָר נישט גיין אויף די גאַס נאָר אויב עס איז איבערגעדעקט, ווייל עס ציט דאָס אויג].

רב אדא קרעכצט מיט ווייטאָג און פאַרדרוס: אַ אידיש מיידל גייט נישט בצניעות, וויאַזוי קען איך שווייגן? עס איז אַ חילול השם אויב איך בין נישט מוחה דערקעגן. אוי געוואַלד, דאָס מיידל פאַרטרייבט די שכינה הקדושה פון אידן!

אינמיטן מאַרק גייט דער הייליגער אמורא און גיט אַ זאָג פאַר דאָס מיידל: "היתכן, אַן אייניקל פון שרה רבקה רחל לאה גייט אויף די גאַס מיט אַן אויפפאַלענדע קלייד? דאָס איז דאָך אַ פריצות!" - רב אדא גיט אַ רייס אַראָפּ פון איר דעם אויבער קלייד זאָגנדיג: "מער זאָלט איר נישט גיין אַזוי!" (עיי' שו"ת דברי חיים יו"ד סי' ל' שדייק מזה שבגד כזו היא איסור תורה דעל איסור דרבנן לא הי' מבזה אותה בשוק).

דאָס מיידל הייבט אָן צו מאַכן היסטערישע קולות אַז די גאַנצע גוי'אישע מאַרק איז זיך צוזאַמגעלאָפן אָנכאַפּנדיג דעם צדיק מיט די פויסטן. ביז געציילטע מינוטן זענען די פּאָליציי דאָרט געווען מיט זייערע שווערדן, און הייבן אָן פרעגן: "וואָס איז דאָס? אַ אידישער רב טשעפּעט אַ גוי'איש מיידל? - שוין זאָפאָרט באַצאָלן פאַר דאָס מיידל 400 רענדלעך אויף די שאַנדע וואָס זי האָט געהאַט!"

רב אדא'ס געזיכט האָט אויפגעלאָכטן: "געלויבט השי"ת! עס איז נישט קיין אידיש מיידל געווען, אַ פשוט'ע גוי'טע. אַה, אשרינו מה טוב חלקינו!..."

אַצינד פאַרשטייען שוין די גוים וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דער אַלטער רב האָט געמיינט אַז דאָס איז אַ אידיש מיידל, איז דאָך זיין אויפגאַבע צו זעהן אַז זי זאָל גיין אָנגעטוהן לויט די פאָרשריפט פון זייער תורה. די גוים האָבן אים אָפּגעלאָזט, אָבער פאָרט באַצאָלט רב אדא באַלד אַרויס פון טאַש דעם גרויסן קנס פון 400 רענדלעך, און טוט זיך גלייכצייטיג שטאַרק אַנטשולדיגן פאַר די גוי'טע אויף די אומאַנגענעמע געשעעניש.

די גוים שמועסן צווישן זיך: "די אידן זענען הייליגע און אָרנטליכע לייט וועלכע האַלטן זיך פעסט ביי זייער תורה. ביי זיי עקזיסטירט נישט דער "מיינד יאָר אָהן ביזנעס", נאָר זיי נעמען זיך אָן אויפ'ן כבוד פון זייער תורה אָן חנופה און אָן קיין פשרות. נאָר אַזוי האַלטן זיי אָן שוין אַזויפיל יאָר מיט זייער אַמאָליגע אָריגינעלקייט!"

*

די תלמידים מיט זייער גרויסן רבי׳ן זעצן פאָר דעם וועג ווייטער, אָבער דער שמועס איז אַצינד געוויס איבער די פריערדיגע געשעעניש. נייע הלכות לערנען מיר זיך פון די מעשה. דער פלפול ווערט גרויס איבער יעדע איינצלהייט פון די פּאַסירונג, ביז זיי ווענדן זיך צום רבי׳ן פאָרלייגנדיג זייער מסקנות צי זיי האָבן גוט אָפּגעלערנט די מעשה:

1) מיר זעען פון די מעשה אַז צניעות איז וויכטיגער פון תורה לערנען, אַז דער רבי האָט מבטל תורה געווען (דבתענית כ׳: אמר רב אדא מימי לא הלכתי ד׳ אמות בלי תורה ובלי תפילין) און געגאַנגען מוחה זיין וועגן צניעות.

2) דער רבי האָט זיך נישט באַגנוגט מיט׳ן זיך געבן אַ דריי אַוועק דעם פּנים, מען קוקט נישט און פאַרטיג. ניין, אַז עס איז דאָ פריצות איז אַ חיוב מוחה צו זיין.

3) דער רבי וואָלט געקענט שיקן אַ שליח אַ תלמיד מוחה צו זיין אַנשטאָט זיך אַליין מטריח זיין, איבערהויפּט אויף אַזאַ זאַך וואָס איז נישט לויט זיין כבוד. ניין, ווי חשוב מען איז לייגט מען דעם אייגענעם כבוד אין די זייט און מען נעמט זיך אָן פאַר כבוד שמים.

4) דער רבי האָט זיך נישט באַגנוגט מיט אויפקלערן די פרוי אויף אַ רואיגן וועג אַז עס פּאַסט נישט דאָס אָנצוטוהן. ניין, אַז מען טוט אַן עבירה ברבים אויף די גאַס, איבערהויפּט אַן עבירה פון פריצות, איז מען מחויב מוחה צו זיין ברבים, כדי יעדער זאָל הערן און זעהן אַז דאָס איז אסור.

רב אדא שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אַלס צייכן פון צופרידנקייט אויף זייער לערנען, און פרעגט זיי: וואָס נאָך האָט איר צו זאָגן איבער די מעשה?

מיט גרויס הכנעה ווענדן זיי זיך צוריק: ״איין זאַך פאַרשטייען מיר נישט. - דער רבי וועלכער האָט זיך אַזויפיל יאָרן נישט געבייזערט אויף קיין זאַך אין שטוב, פאַרוואָס אַצינד האָט זיך דער רבי צופייערט און פאַרשעמט אַ מיידל ברבים? סוף כל סוף איז זי דאָך געווען צוגעדעקט געהעריג!

רב אדא פרייט זיך אויף זייער פראַגע און ענטפערט מיט הייליגע זיכערקייט: אמת, ווען ביי די פרוי איז אויפגעדעקט ערגעץ פונעם לייב דאָס איז דאָך פריצות ממש, אָבער אפילו ווען מען איז צוגעדעקט פון קאָפּ ביז פיס, אָבער מען גייט אָנגעטוהן מיט אַ מאָדע וואָס איז אויפפאַלענד און שרייעדיג, דאָס איז אויך פריצות! אַזוי לערנט אונז ישעי׳ הנביא (ישעי׳ ג׳), ער רעכנט נישט אויס קיין

אויסגעשניטענע האַלז, קורצע ערמל, נאָר אויפפּאַלענדקייט - דאָס פאַרקערטע פון באַשיידנקייט - דאָס איז גורם אַלע צרות ! - אויף מיינע אייגענע אינטערעסן האָב איך זיך נאָך קיינמאָל נישט געבייזערט, אָבער אויפ׳ן כבוד שמים איז יעדער איד מחויב זיך אָנצונעמען !

*

יאָרן זענען פאַריבער, אַ שווער הונגער יאָר האָט באַטראָפן דאָס אידישע פאָלק אין בבל. עס איז נאָכנישט געפאַלן קיין רעגן דעם ווינטער צו מאַכן וואַקסן די תבואה. אידן בעטן און שרייען מיט תפילות ותחנונים. דער בית דין האָט שוין גוזר געווען דרייצן תעניתים, אַלע אידן שפּאַרן צו די געשעפטן אינעם פאַסט טאָג, מען גייט באָרוועס אָן שיך ווי אבלים רח״ל, מען שטייט אַ גאַנצן טאָג אין בית הכנסת און מען דאַווענט, און מען זעהט נישט קיין ישועה פון הימל.

פרעגט רב פפא פון די חכמים: ״פאַרוואָס אינעם פריערדיגן דור פון די אמוראים ווען עס האָט זיך געמאַכט אַן עצירת גשמים, און איינע פון די אמוראים האָט זיך נאָר אויסגעטוהן איין שוך אַלס צייכן פון אבילות, האָט באַלד אָנגעהויבן גיין רעגן מיט אַ שפע, און מיר היינט שרייען אַ גאַנצן טאָג און מיר ווערן נישט געהאָלפן? אין תורה לערנען זענען מיר גאָרנישט אונטערשטעליג פון זיי, נאָר וואָס דען?״

ענטפערט אים אביי: ״אין די צייטן פון דעם פריערדיגן דור האָט מען געלעבט פאַר השי״ת מיט מסירת נפש ווי מיר זעען פון די מעשה פון די כרבלתא וואָס רב אדא בר אהבה האָט אַראָפּגעריסן, מען האָט זיך דערנידערט דעם אייגענעם כבוד כדי צו באַפעסטיגן די גדרי התורה. זיי האָבן געלעבט למען שמו באהבה, דעריבער זענען זיי באַלד געענטפערט געוואָרן פון הימל. מיר אָבער פאַרמאָגן נישט די מדריגה פון מסירת נפש דעריבער ווערן מיר נישט אַזוי גיך געהאָלפן״.

אַלע וואונדערן זיך אויף די רייד פון אביי און זיי פרעגן: ״פעלט דען ביי אונז מסירת נפש? וויפיל פשוט׳ע אידן פון אונז האָבן שוין אויסגעשטרעקט זייער האַלז און געשטאָרבן אויף קידוש השם?!״

געוויס געוויס - ענטפערט אביי - מסירת נפש אויף ״שטאַרבן״ איז היינט אויך פאַרהאַן, אָבער ״לעבן״ מיט מסירת נפש, זיך לאָזן פאַרשעמען דאָס גאַנצע לעבן אויף קידוש השם, מיט דעם זענען מיר נישט גלייך צו דעם פריערדיגן דור!... (ע״פ ברכות כ׳. עם הסבר רב מחכמי המוסר)

פאַלגענדע פונקטן זענען אַרויסגענומען פון ספר "בת ישראל" פאַר מיידלעך

**טייערע תלמידה: לייג צו אויפמערקזאַמקייט צו די פאַלגענדע פונקטן פון צניעות - און טוה דאָס חור'ן שטענדיג - וועלכע וועלן דיר צונוץ קומען אויפן גאַנצן לעבן!**

## צניעות "אין געשעפט"

- די געשעפט איז געמאַכט געוואָרן איינצוקויפן און נישט צו שמועסן. אויסער וואָס ס'איז נישט מענטשליך זיך אַוועקשטעלן ביי יענעם אין געשעפט פאַרברענגען, איז דאָס זייער אומאיידל.
- מען דאַרף שטאַרק געוואָרנט זיין זיך נישט דורך שטופן אַ מאַנספערזאָן בשום אופן, אפילו אויב דער מאַנספערזאָן פאַרשטעלט דעם וועג.
- טייל מאָל שטייען מערערע קונדן ביים טיש צום באַצאָלן. דאַרף מען פאָרזיכטיג זיין און זיך פאַרהיטן פון תערובות. מ'זאָל ווי ווייט מעגליך זיך שטעלן דאָרט ווי מענער שטייען נישט.
- ערליכע יודן און נשים צדקניות גיבן שטאַרק אַכטונג אין געשעפט אַז אַ פרוי/מיידל זאָל נישט איבערגעבן געלט א.ד.ג. פאַר אַ מאַן אָדער פאַרקערט.

## צניעות "אויף אַ באָס"

ווען מ'פאָרט אויף אַ באָס, מענער און פרויען, דאַרף מען שטאַרק פאָרזיכטיג זיין מ'זאָל נישט עובר זיין חלילה אויף די גדרי הצניעות.

- געווענליך איז איינגעפירט ביי די היימישע באָס טראַנס, אַז די מענער זיצן פאָרנט און די פרויען פון אונטן, זיי פאָרזיכטיג אַז דו זאָלסט חלילה זיך נישט דורכשטיפן מענער. ווי ווייט מעגליך גיב אַכטונג אַז דיין מאַנטל, דיינע פעקלעך, זאָלן אויך נישט אָנרירן אַ מאַנספערזאָן.

**אז דו וועסט בצניעות רייזן...**
**וועט השי"ת דיך היטן פון אלעם בייזן!**



- מאַך זיכער דיין שטימע זאָל נישט געהערט ווערן ביי די מענער. ווען דו רעדסט מיט דיינע חבר׳טעס/שכנים אויפן באָס האַלט אַראָפּ דיין טאָן, און אַוודאי נישט הויעך אַריבער-שרייען צו איינעם וואָס זיצט אויף אַ ווייטערע זייט.

⇦ **לאַכן אויפן קול איז גאָר געמיין** ⇨

ווען מען פאָרט אויף אַ ״שטאָטישע באָס, באַן, א.ד.ג.״ ווי די זיץ-פּלעצער זענען נישט איינגעטיילט, דאַרף מען אַכטונג געבן ווי מ׳זעצט זיך.

- זיך נישט זעצן נעבן אַ מאַנספּערזאָן.
- זיך נישט זעצן נעבן געמיינע חברה.
- די הלכה איז אַז אַ מאַנספּערזאָן טאָר זיך נישט זעצן אונטער אַ פרוי/מיידל, דעריבער ווען די זיץ-פּלעצער זענען אויסגעשטעלט איינע אונטערן אַנדערן, און דו זעהסט אַ מאַנספּערזאָן זיצן, זיי פאָרזיכטיג זיך נישט צו זעצן פאָרנט פון אים.
- פאָרנדיג מיט גוי׳אישע טראַנספּאָרטאַציע געדענק דעם איסור פון: **וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם**. יעדע רגע וואָס דו שטאַרקסט דיך נישט צו קוקן אויף אַלע אומאיידעלע בילדער און אויסגעלאַסענקייט ביסטו מקיים אַ מצוה.

## צניעות ״ביי חתונות״

- השמר והזהר: פרויען טאָרן נישט אַריינגיין ביי די מענער אפילו זיך בלויז שטעלן ביי די טיר/וואַנט, סיי דורכאויס די סעודה און סיי ביים טאַנצן. דאָס איז אַן ״עצת היצה״ר״ וואָס ער דרייט אָן, כדי די שמחה זאָל נישט זיין אַן ״אמת׳ע שמחה״. היט זיך פון אים זאָלסט חלילה וחלילה נישט נכשל ווערן אין דעם האַרבן זינד!
- ווען דו וואַרטס אינדרויסן אויף דיין טאַטע/ברודער זאָל אַרויסקומען פון די מענער זאַל, דו דאַרפסט אַהיימגיין מיט אים א.ד.ג. מאַך זיכער זיך נישט צו שטעלן נעבן די מענער אַריינגאַנג אָדער ווי עטליכע מענער שטייען, שטעל

זיך אויף אַ זייט. (עצה טובה, אָפּצושמועסן פאַר די חתונה אַ פונקטליכע זמן און פלאַץ וואו צו וואַרטן).

- חלילה טאַנצן ווען אַ מאַנספּערזאָן זעהט. (ווי צ.ב.ש. אַ מוזיקאַנט, איינער וואָס כאַפּט בילדער א.ד.ג.).

## צניעות "אויפן גאַס"

☜ היט אָפּ דיין צניעות'דיגע כאַראַקטער גייענדיג אויפ'ן גאַס ☞

- דיין באַוועגונג, ביים גיין זאָל זיין איידל און רואיג.
- אַ מאַנספּערזאָן טאָר נישט דורכגיין צווישן 2 פרויען, אַזוי אויך אַ פרוי צווישן 2 מענער. דעריבער זיי פאָרזיכטיג וואו דו גייסט און וואו די שטייסט, אַנדערע זאָלן נישט נכשל ווערן דורך דיר.
- עס איז זייער נישט צניעות'דיג צו גיין אַ גאַנצע גרופּע פרויען אָדער מיידלעך צוזאַמען.
- עס איז נישט איידל זיך אָפּצושטעלן אַ גרופּע מיידלעך שמועסן אינמיטן גאַס.
- עס איז נישט קיין גוטע עצה, אָפּצושמועסן, זיך צאַמצוטרעפן אויפ'ן גאַס אַ גרופּע מיידלעך, צ.ב.ש. צו גיין אויף אַ חתונה א.ד.ג. מיידלעך מיט אַן ערליכע כאַראַקטער, וועלן געוויס, בסייעתא דשמיא, שטענדיג האָבן אַ פאַסיגע עצה דאָס צו פאַרמיידן, ובפרט ווען עס פעלט אינגאַנצן נישט אויס.
- אין פאַל פון בלית ברירה, ווי צ.ב.ש. מ'וואַרט אויף אַ חתונה באַס, א.ד.ג. ווי באַלד מ'איז אַ רבים איז דאָס זייער אויפפאַלענד, דעריבער זאָל מען שטאַרק נזהר זיין זיך צו האַלטן שטיל און רואיג, דאָס רעדן זאָל זיין נאָר מיט אַ שטילע טאָן.
- ריק זיך אויף אַ זייט ווען דו זעהסט אַ מאַנספּערזאָן קומען.
- ווי ווייט מעגליך זיי פאָרזיכטיג נישט דורכגיין אויפן גאַס נעבן אַ ביהמ"ד ווען ס'איז אַ פאַרקער פון מענער.

## חשבון הנפש...

### ווי האַלט איך מיט מיין צניעות?

| | | גוט | מעג זיין בעסער | דאַרף תיקון |
|---|---|---|---|---|
| .1 | בין איך מדקדק, מיין ערמל זאָל זיין אַ גאַנצן טאָג אַראָפּגעצויגן ביז די הענט געלענק? | | | |
| .2 | בין איך מהדר די האַלז זאָל זיין 100% פּאַרמאַכט, נישט מ'זאָל עס דאַרפן באַטראַכטן צו איך בין כשר אָדער נישט? | | | |
| .3 | בין איך צניעות'דיג ביים זיצן? | | | |
| .4 | האָב איך זיך געהיטן פון אַראָפּגיין פון בעט אָנע טייטס, שטרימפּ? | | | |
| .5 | איז מיין האָר סטייל בתכלית הצניעות? | | | |
| .6 | ווי אזוי בין איך היינט אַהיים פון שולע: האָב איך זיך געקענט פּאַרמיידן פון כאַוואַלישע קולות? | | | |
| .7 | האָב איך זיך געקענט צוריק האַלטן פון צו גיין ביי די מענער זעהן די אינטערעסאַנטע טאַנץ ביי די מענער זאָל, ווען פּאַר מיינע אויגן זעה איך ליידער פיל פרויען שטייען דאָרט באַגייסטערט? | | | |
| .8 | פּאַרענדיג אויפן טרעין היינט צום דענטיסט, האָב איך זיך געקענט איינהאַלטן פון אַרומקוקן אַלע אומאיידעלע זאַכן? | | | |
| .9 | בין איך באמת צופרידן און שטאָלץ מיט מיין צניעות'דיגע לבוש - מיט מיין צניעות'דיגע האָר סטייל? | | | |

אויב דיין ענטפער איז יאָ
דאַן חזק ואמץ אויף להבא

אויב היינט איז ליידער דיין ענטפער ניין
נעם דיך שנעל אויפן ריכטיגן וועג צו גיין!
בעט השי"ת ער זאָל דיר העלפן צו זיין ערליך און פיין!

(ביז אַהער פון ספר "בת ישראל" פאַר מיידלעך)

# ווער איז גערעכט?

**שרה:** רבקה, דו ביסט עס? כ׳האָב דיר קוים דערקענט! האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט! אוי, כ׳וואָלט עס נישט געגלייבט. מיין חבר׳טע רבקה מיט אַ טיכל?

**רבקה:** כ׳האָב שוין לאַנג געטראַכט עס צו טון, נאָר כ׳האָב נישט געהאַט דעם מוט. די אַלע צרות וואָס מ׳הערט היינט האָבן מיר געגעבן דעם שטופּ. איך וויל נישט וואַרטן ביז מיר וועלן כאַפּן גרעסערע קלעפּ!

**שרה:** מיינסט אַז די קלעפּ זענען געקומען וועגן דיין שייטל? עה! גרויסע פוסקים האָבן עס דאָך מתיר געווען!

**רבקה:** דער היתר איז נישט געווען אויף די היינטיגע שייטלען, נאָר אויף די אַמאָליגע שייטלען, געמאַכט פון ציגן האָר אָדער קלאָטשע, וואָס האָבן אויסגעזען ווי "מאַפּס"! היינט וואָלט קיין איין ערליכער רב נישט געגעבן קיין היתר אויף שייטלען!

**שרה:** אויב ס׳איז אַזוי האַרב, פאַרוואָס רעדט מען קיינמאָל נישט פון דעם?

**רבקה:** מ׳רעדט יאָ. אַ ראַי׳ האָסטו אַז איך בין נתעורר געוואָרן דערפון. אַז מ׳זוכט דעם אמת טרעפט מען עס. ס׳איז דאָ ספרים, דרשות, טעיפּס - אַז דו ווילסט, קען איך דיר געבן.

**שרה:** אוי, טאָג און נאַכט האַקט מען אין קאָפּ וועגן צניעות. זאָל מען קודם רעדן וועגן די מחלוקת וואָס טוט זיך ביי אונזער עולם!

**רבקה:** .Two wrongs don't make one right. אין גיהנם איז דאָ גענוג פּלאַץ. ס׳דאָ אַ מענער שול מיט אַ ווייבער שול. יעדן וועט מען שמייסן פאַר זיינע אייגענע מעשים. אַז די מענער שרייען אַז מ׳דאַרף גיין בצניעות און די פרויען שרייען אַז מ׳טאָר נישט פירן מחלוקת, שיין זענען מיר אויס!

**שרה:** אָבער וואָס איז מיט אונזערע אייגענע עבירות? וואָס איז מיט לשון הרע? וואָס איז מיט גוטע מדות?

**רבקה:** זאָג איך דיר נאָכאַמאָל: פון צוויי אומרעכטן ווערט נישט איין רעכט. מ׳דאַרף אַרבעטן אויף אַלעס.

**שרה:** איז וואָס דאַרפסטו אָנהויבן מיט חיצוניות? אָנגעטון אַ טיכל און פאַרטיג, יוצא געווען! דאָס איז זייער גרינג!

**רבקה**: ערשטנס, אויב ס'איז אַזוי גרינג, פאַרוואס טוסטו עס נישט? צווייטנס, איז עס טאַקע אַזוי גרינג? קוק וואָס איך האָב אויסצושטיין פון דיר, מיין גוטע חבר'טע! דריטנס, וואָס איז אַ טיכל מער חיצוניות ווי אַ טלית? אָדער תפילין? און אודאי אַ שטריימל? צניעות איז פונקט ווי אַנדערע מצוות. ס'איז נאָר אַ מצוה וואָס איז שייך אויפ'ן חיצוניות, פונקט ווי ציצית אָדער אַ קאַפל!

**שרה**: אָקעי, ביזט דערשראָקן געוואָרן פון דעם מצב און דו ווילסט זיך פאַרבעסערן. אָבער פאַרוואָס מוזטו טון אַ זאַך וואָס וועט דיר מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט? נעם דיך בעסער פאַר נישט צו רעדן מער לשון הרע. אָדער לערנען בעסער הלכות שבת. אָדער...

**רבקה**: דאָס האָב איך זיך אויך פאָרגענומען, נאָר מ'זעט עס נישט אָן. אָבער ס'איז דאָ איין חילוק צווישן פריצות און אַנדערע עבירות. האָסט גערעדט לשון הרע, אָדער ביזט דורכגעפאַלן מיט ליגנט זאָגן, די עבירה איז טאַקע זייער האַרב, אָבער דו קענסט דיך פאַרענטפערן: כ'האָב נישט געוואוסט, כ'האָב פאַרגעסן, כ'האָב מיך אַרויסגעכאַפּט. אָבער אַ שייטל קענסטו נישט אָנטאָן אומווילנדיג אָדער אומוויסנדיג. דו מאַכסט אַן אַפּוינטמענט ביי די שייטל מאַכער, דו באשטעלסט עס, דו בעטעסט איר זי זאָל עס מאכן אויסזען וואָס מער ווי אייגענע האָר, דו שטעלסט דיך ביים שפּיגל, דו לייגסט אַריין כוחות ס'זאָל אויסזען just so... מיט וואָס קענסטו דיך פאַרענטפערן?

**שרה**: איך ווייס מיט וואָס! מיין מאַמע איז אַזוי געגאַנגען, און אפילו מיין באָבע, און אפשר מיין עלטערבאָבע אויך! וואָס בין איך מחויב צו זיין בעסער?

**רבקה**: אויב דיין עלטערבאָבע איז אַזוי געגאַנגען, מסתם איז זי געווען פון די איינציגע אין שטעטל. און איר שייטל איז געווען ווי אַ "מייל" ווייט פון דיינס. יעצט שטעל דיך פאָר אַז דיין עלטערבאָבע זיצט אין גן עדן, זי איז שוין אָפּגעקומען פאַר די עבירה און האָט שוין איר עולם הבא. פּלוצלינג קומט דער מלאך, מ'שלעפּט איר ווידער פאַר'ן בית דין של מעלה. וואָס איז? איר אור-אייניקל האָט יעצט געזאָגט פאַר איר חבר'טע אַז זי טראָגט אַ שייטל ווייל איר עלטערבאָבע איז אַזוי געגאַנגען; און איר שטראָף האָט זיך נאָכנישט געענדיגט!

**שרה**: אוי, מאַכסט מיר פילן גילטי! הער אויף, ווייל איך וועל סייווי נישט אָנטון אַ טיכל!

**רבקה**: אַזוי? גראַדע האָב איך דיר געזען נישט לאַנג צוריק מיט אַ טיכל!

**שרה:** מיינסט אין שול, אין די הייליגע טעג?

**רבקה:** יאָ. פאַרוואָס דעמאָלץ טוסטו עס יאָ אָן? ווייל דעמאָלץ דאַרפסטו אָנקומען צום רבוש״ע און דו ווילסט געפעלן ביי אים. דו האָסט נישט די חוצפה צו קומען בעטן אַלע גוטע זאַכן ווען דיין קאָפּ איז נישט צוגעדעקט ווי ס׳דאַרף צו זיין. דאָס איז אַזוי ווי ווען אונזערע קינדער ווילן עפּעס אויס׳פועל׳ן ביי אונז, ווערן זיי פלוצלינג וואויל, און ווי נאָר מ׳האָט זיי נאָכגעגעבן, גייען זיי צוריק צום אַלטן...

**שרה:** נישט דאָס מיין איך. ווען ס׳איז אַ הייליגע צייט, אָדער מ׳קומט אין אַ הייליגן אָרט, טוט מען אָן אַ טיכל ווייל מ׳וויל ווייזן יראת הכבוד צום אייבערשטן.

**רבקה:** און ווען די הייליגע צייט גייט אַריבער, אָדער מ׳גייט אַרויס פון דעם הייליגן אָרט, און מ׳טוט אויס די טיכל, וואָס וויל מען ווייזן מיט דעם?

**שרה:** מיינסט צו זאָגן אַז מ׳דאַרף האָבן יראת הכבוד פאַר׳ן אייבערשטן אַלעמאָל?

**רבקה:** נישט נאָר דאָס. ווען מ׳טוט אויס די טיכל און מ׳גייט אַרויס אין גאַס און מ׳איז מכשיל דעם אייבערשטנ׳ס קינדער, וואָס ווייזט מען מיט דעם?

**שרה:** איך מיין דען מכשיל צו זיין מענער? איך בין אַן ערליכע אידישע פרוי, מיין מאַן איז אַן ערליכער איד. און אויב אַנדערע זינדיגן, איז עס זייער שולד, נישט מיין. ווער הייסט זיי קוקן?

**רבקה:** אַ פרוי וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין דעם נסיון פון אַ מאַן.

**שרה:** אָבער אַן איידלער שייטל ציט דען אַזוי די אויג?

**רבקה:** יאָ. די האָר פון אַ פרוי האָט אַ מורא׳דיגן כח. און אפילו דער איידלסטער שייטל, און אפילו פון סינטעטישע האָר, זעהט אויס אַזוי שיין ווי האָר, אָדער נאָך שענער. איך געדענק נאָך דיינע האָר אַלס מיידל. זאָג מיר דעם אמת, דו וואָלסט עס היינט אויפגעטוישט פאַר דיין שייטל?

**שרה:** היינט זיכער נישט. מיט די האָר וואָלט איך היינט אויסגעזען צוואָנציג יאָר עלטער!

**רבקה:** דאָס מיין איך. ווּעמען נאַרן מיר? קליינע קינדער האָבן ליב זיך צו

מאַכן ווי זיי זאָגן דעם אייבערשטנ׳ס נאָמען, און ווען מ׳שרייט זיי אָן, זאָגן זיי, ״כ׳האָב נישט געזאָגט דעם אייבערשטנ׳ס נאָמען, כ׳האָב געזאָגט **אַדוֹדִי!**״ - מילא... קינדער זענען קינדער. אָבער ווען אַ דערוואַקסענע פרוי זאָגט ״ס׳איז נישט מיינע האָר, ס׳איז האָר פון אַן אַנדערע פרוי׳ס קאָפּ!״ וואָס אַ פנים האָט עס?

**שרה:** גראַדע ווייס איך אַז מ׳טאָר נישט לאָזן קינדער מאַכן אַזעלכע ״דזשאוקס״.

**רבקה:** אוודאי, ווייל דאָס איז אַ חוזק פון דעם אייבערשטנ׳ס נאָמען. און אַז מ׳מאַכט נאָך די אייגענע האָר, איז עס נישט אַ חוזק פון די מצוה פון כיסוי ראש, פאַרדעקן די קאָפּ?

**שרה:** אודאי איז בעסער צו גיין מיט אַ טיכל, אָבער...

**רבקה:** אָבער דו האַלטסט נאָכנישט דערביי. גוט, איך פאַרשטיי דיר. מ׳דאַרף האָבן אַ סאַך קוראַזש צו דעם. אָבער פאַרוואָס דאַרפסטו צונעמען מיין קוראַזש? אויב דו פאַרשטייסט אַז ס׳איז בעסער, וואָס באַדערט דיר אַז איך בין בעסער?

**שרה:** מיט דעם ביסטו יאָ גערעכט. כ׳האָב נישט געטון ריכטיג און איך בעט דיך איבער. אַן אַנדער מאָל וועל איך מחזק זיין איינע וואָס נעמט דעם שריט.

**רבקה:** און ווער ווייסט? אפשר וועט עס צום סוף אויך משפיע זיין אויף דיר, אפילו נאָר איין שריט בעסער איז אַ געוואַלדיגע דערגרייכונג!

## דברי צדיקים

אין ספר שבחי רבי חיים וויטאַל שטייט אַ לענגערע מעשה איבער אַ דיבוק וואָס איז ל״ע אַריין אין אַ פרוי אין די שטאָט דמשק. צווישן אַנדערע האָט דער רוח געזאָגט: ״איר איינוואוינער פון דעם שטאָט זאָלט וויסן אַז איר האָט נישט קיין חלק לעולם הבא (ח״ו), ווייל אייערע ווייבער גייען מיט שמאָלע קליידער, אויך מיט דורכזיכטיגע קליידער, אויך גייען זיי אויף די גאַס אָנגעשמעקט מיט בשמים, און **כל המחטיא את הרבים אין לו חלק לעולם הבא!**״

*

אין ספר זכרון למשה (דף מ״ו) איז געדרוקט אַ בריוו פון הגה״ק מהרי״ץ דושינסקיא זצ״ל איבער דאָס גרויסקייט פון הייליגן חתם סופר זצ״ל, ברענגט ער דאָרט צווישן אַנדערע ווי פאָלגענד: ״איך האָב געהערט פון מיין רבי׳ן רבי יצחק זעקל זצ״ל אַז ער האָט געהערט ווי דער חתם סופר האָט אַמאָל ביי אַ כל נדרי דרשה מעורר געווען איבער די נייע פירצה וועלכע האָט זיך דאַן אָנגעהויבן, דער ענין פון פרויען שייטלען - וועלכע האָט גלייכצייטיג צוגעברענגט אַ קאַלטקייט אינעם ענין פון גיין צוגעדעקט דעם קאָפּ - האָט דער חתם סופר געזאָגט מיט זיין הייליג לשון ווי פאָלגענד:

״ווער עס וועט צוהערן צו מיינע רייד און וועט גיין בצניעות פונקט ווי די פריערדיגע דורות, דער וועט זוכה זיין צו ערליכע קינדער און וועט געבענטשט ווערן בכל ענינים, [דאָ גיט דער חתם סופר אַ שריי:] **ומכלל הן אתה שומע לאו!...**

דעם גאַנצן ציבור - פירט ער אויס - האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטער הערנדיג דעם הייליגן געשריי אינעם הייליגן נאַכט פון כל נדרי.

*

הגה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע גייענדיג אַמאָל צו ״יזכור״ זענען עטליכע פרויען אים פאַרביי געגאַנגען אוממערקנדיג אַז דער רב גייט דאָ. דער בעלזער רב מאַכט צו די אויגן און הייבט אויף זיינע הייליגע הענט זאָגנדיג מיט צער: ״אוי וויי! דורכזיכטיגע שטרימפּ ביי אידישע טעכטער! חז״ל זאָגן דאָך שוק באשה ערוה!״

רבי ישכר דוב באַרואיגט זיך נישט און זאָגט פאַר׳ן גבאי׳ן: ״גיי זאָג פאַר די נשים, איר מיינט אַז איר טוט דערמאַנען די נשמות פון אייערע עלטערן צום גוטן, ווען איר וואָלט געהאַט אויגן וואָלט איר געזעהן וויאַזוי אייערע עלטערן ווערן - דורך אייער אומ׳צניעות׳דיגע קליידונג - אַרויסגעצויגן פון גן עדן און אַריינגעוואָרפן אין גיהנם (רח״ל)! - ווען איר וואָלט געהאַט אויערן וואָלט איר געהערט ווי אייערע עלטערן בעטן אייך: ביטע טעכטער, בלייבט אינדערהיים! מיר דאַרפן נישט אייער יזכור!...״

אין ספר דת יהודית שטייט: ״דאָס וואָס עס איז אַרויסגעקומען אַ נייע מאָדע אַז נשים גייען אין שמאָלע קליידער, דאָס איז זיכער אין כלל פון עוברת על דת יהודית!״

עס ווערט דערציילט אַז אַמאָל איז פאָרגעקומען אַן אסיפה פון מנהלים פון אַ גרויסע מיידל שולע אין ארץ ישראל, וואו דער גאון חזון איש זצ״ל האָט באַשיינט די אסיפה. מען האָט באַהאַנדלט וויאַזוי צו באַשטימען די פונקטליכע מאָסן און שיעורים פאַר די קליידער פון די קינדער. דער חזון איש האָט געזאָגט זיין מיינונג אַז מיידלעך פון זעקס יאָר און העכער, דאַרף די לענג פון די קליידער זיין נישט ווייניגער פון צען צענטימעטער (4 אינטשעס) אונטער די קני.

האָבן די מנהלים גע׳טענה׳עט אַז לויט די דאָזיגע תקנה וועלן האַלב פון די עלטערן אַרויסנעמען די קינדער פון מוסד. האָט דער חזון איש געענטפערט מיט קלוגע דרייסטקייט: ״ווער זאָגט אַז השי״ת מוז האָבן אַ מיידל שולע פון 700 קינדער, אים איז גענוג די העלפט, 350 קינדער, אָבער זיי זאָלן גיין אָנגעטוהן ווי די הלכה!״ (דער דערציילער האָט דאָס געהערט פון אַ ת״ח מופלג פון בני ברק וועלכער איז געווען אַ מקורב ביים חזון איש).

## דער בערן טאַנץ...

אינעם גרויסן שפיל פּלאַץ אין גריכנלאַנד, דאָרט וואו שטאַרקייט ספּאָרט און נצחון שפּילט אַ גרויסע ראָלע, גייט היינט פאָרקומען אַן אינטערסאַנטע ספּאָרט פאַרמעסט, צווישן אַ בער און אַ - צום טויט פאַר׳משפּט׳ער - מענטש אָנגעטוהן אין אַ בער פעלץ.

די גלאָקן קלינגען, די פריצים קומען זיך צוזאַם צו זעהן די סצענע. אויף די בימה שטייט דער אויסגעהונגערטער בער. מיט שווערע טריט און מיט ציטערדיגע הענט און פיס שלעפּט זיך אַרויף דער פאַרשטעלטער בער, זיינע פאַנטאַזיעס ווייזן אים שוידערלעכע בילדער. דער בער רוקט זיך נענטער צו אים און ער רוקט זיך אָפּ וואָס ווייטער. דער בער שטעלט אָן אויף אים זיינע שאַרפע בליקן און ער שפירט אַז ער לאָזט זיך אויס פאַר שרעק. ענדליך זאָגט אים דער בער מיט אַ מילדן שמייכל: ״האָב נישט קיין מורא, איך בין אויך נאָר אַ פאַרשטעלטער בער, איך בין פונקט אַזאַ מענטש ווי דו...״



אָט אַזוי זעען מיר אויס איינער מיט׳ן אַנדערן. יעדער דרייט זיך אַרום מיט קאָמפּלעקס און שרעק ״וואָס וועט יענער זאָגן?״ און כדי דער יענער זאָל זיין צופרידן ענדיגט זיך נישט דאָס געיעג נאָך קליידן, קויפן, פאַרשאַפן און האָבן אַלע לוקסוס. דער ״יענער״ דער גרויסער ״בער״ וואַרפט אויף מיר אַ פחד... און מיט דעם געדאַנק גייען אַדורך אומרואיגע טעג און שלאָפלאָזע נעכט.

פאַר דעם ״בער״ איז מען גרייט זיך צו פאַרשטעלן מיט אומ׳צניעות׳דיגע ״בערן״ קליידער, איך מוז זיך דאָך פאַרמעסטן אין דעם ״בערן ספאָרט״ וואָס גייט באַלד פאָרקומען אויף די גאַס.

עס איז שוין צייט אַז מיר אַלע בערן זאָלן זיך צורוקן איינער צום אַנדערן און זיך מודה זיין, אַרויסזאָגן די טיפעניש פון האַרץ, וועט זיך הערן דער שטילער סוד וואָס דער בער האָט געשעפשעט: ״איך בין פונקט אַזאַ מענטש ווי דו... איך פערזענליך דאַרף דאָס נישט האָבן, עס איז ביי מיר אַן איבריגע עול, אַ לאַסט וואָס איך טויג שוין נישט צו שלעפן, עס דעפּרעסט מיר דעם גוף מיט די נשמה צוזאַמען!״

## הלכות טריפות...

עס ווערט גע׳פסק׳נט אין שו״ע הלכות טריפות (סי׳ נ״ח ס״ז) אַז אַן עוף וועלכע האָט זיך צוקלאַפּט אין אַ לויפנדע טייך און מ׳וויל וויסן צי עס איז טריפה געוואָרן אָדער נישט, קוקט מען אויב דאָס עוף שווימט אויפ׳ן טייך ״אַקעגן״ דעם שטראָם פונעם וואַסער, דאַן איז קלאָר אַז עס איז געזונט און עס איז כשר. טאָמער אָבער גייט זי צוזאַמען מיט׳ן שטראָם האָבן מיר מורא אַז עס איז טריפה געוואָרן.

דאָס זעלבע איז דער סימן פונעם מענטש, ווילאַנג ער שווימט נישט מיט׳ן שטראָם פון די אַלגעמיינע גאַס, נאָר אדרבה, ער שטעלט זיך אַקעגן דעם שטראָם מיט פעסטע אידישע שטאַלץ, דאַן איז דאָס אַ סימן מובהק אַז ער איז כשר, אויב אָבער מען טוט נאָכטאַנצן די מאָדע פונעם עולם גולם, דאַן דאַרף מען בודק זיין צי דאָס פנימיות איז אין אָרדענונג.

דער תירוץ ״יעדער גייט אַזוי״ איז אפשר אַ תירוץ פאַר זיך זעלבסט צו ״באַרואיגן״ די אידישע געפילן וועלכע מאָנען צניעות, אָבער נישט פאַר׳ן בית דין של מעלה. מיר געפינען אין מסכת פסחים (פרק מקום שנהגו) אַז אַ ״מנהג״ הייסט נאָר אויב דאָס איז איינגעפירט געוואָרן בכוונה דורך גדולי ישראל פון יענע שטאָט, אויב נישט קען זיין אַז דאָס שטאַמט בלויז פון אומוויסנקייט אָדער הפקירות ח״ו (ווי באַקאַנט אַז ״מנהג״ איז אויך די אותיות ״גהנם״).

*

אַ תלמיד חכם האָט אַרויסגעברענגט אַ פונקט:

ווען עס קומט זומער און אַ פרוי איז מקיל ח״ו אין די גדרי הצניעות, איז נישט דער פשט ווייל עס איז הייס קען איך אַצינד נישט אָנטוהן געהעריגע קליידער, נאָר ווייל עס איז הייס האָב איך אַ גוטן תירוץ זיך אָנצוטוהן אַזוי ווי איך וואָלט עכט געוואָלט גיין אַ גאַנץ יאָר!...

אינטערסאַנט, השי״ת האָט אונז געוויזן, ער האָט געגעבן די תורה פונקט אין די זומער טעג - טאָמער איז נאָכנישט גענוג הייס געווען האָט אויפ׳ן באַרג סיני געברענגט אַ העליש פייער וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ מורא׳דיגע רויך, די היצן זענען געווען איבער 100 גראַד, דאָס שוויס האָט זיך געגאָסן אָן אויפהער, און פאָרט דאַרף מען היטן די תורה און גיין בצניעות!...

## ווער מאַכט שפּאַס - פון וועמען?...

איין שיינעם טאָג שפאַצירט דער מאַן אַריין אין שטוב אָנגעטוהן אין ״דענים הויזן״ מיט אַן אויפפאַלנדן ״טי שירט״. די ווייב האָט זיך פשוט דערשראָקן, זי דערקענט נישט איר מאַן, ״וואָס איז מיט דיר געשען? דו ביזט חלילה אַראָפּ פון וועג?״ - ניין! מיין ווייב, חלילה, איך בין פון וועג נישט אַראָפּ, איך היט אָפּ אַלע מצוות, איך האָב מיך גאָרנישט געטוישט, נאָר איין זאַך, איך האָב אין ערגעץ נישט געטראָפן שטיין אַז מען טאָר מיט קיין דענים נישט גיין, גיב נאָר אַ קוק וויפיל אידן אַרום אונז גייען אין דענים און עס פעלט זיי ב״ה גאָרנישט, זיי היטן אָפּ די מצות און זיי זענען אידן, ממילא איז נישט קיין פראָבלעם.

בלית ברירה האָט זיך די ווייב געמוזט צוגעוואוינען דערצו.

עס גייען אַדורך אַ פּאָר וואָכן און אָט איז געשען אַ פרישער פראָבלעם, ער שפאַצירט אַריין אין שטוב אויסגעטוהן דעם קאָפּל און מיט אַ גרויסן טשופ אויפ׳ן קאָפּ, די ווייב האָט געמיינט אַז זי חלש׳ט אַוועק, ״מיין חשוב׳ער מאַן וואָס איז מיט דיר געשען? וואָס פאַר אַ ווילדער רוח איז דיר אַריין אין קאָפּ? איך וועל מיר דאָך שעמען אַרויס צו גיין אין גאַס! מיין מאַן איז אַראָפּ פון וועג רח״ל!״

מיין טייערע ווייב! גיי נישט אַרויס פון די כלים, ווער נישט ווילד! זיי נישט דערשראָקן, גאָרנישט איז נישט געשען, איך האָב ח״ו מיין אידישקייט נישט אויפגעגעבן, איך בין נאָך אַלץ דער זעלבער איד, עס פעלט מיר ב״ה גאָרנישט, גיב אַ קוק, די האָר פון דעם טשופ איז נישט מיינע ריכטיגע האָר, דאָס איז פרעמדע האָר,

און דאָס דינט מיר זייער גוט אָנשטאָט אַ קאַפּל, עס דעקט צו מיין קאָפּ. דו ווייסט, אין שולחן ערוך שטייט אַז דער גאַנצער טעם פון אָנטוהן אַ קאַפּל איז כדי דער קאָפּ זאָל זיין פאַרדעקט, און פאַר דעם צוועק דינט די האָר זייער גוט.

און וואָס איז מיט דיין צלם אלקים? דו זעסט דאָך אינגאַנצן נישט אויס ווי אַ איד! - ווײנט זי צו אים מיט זודיגע טרערן, "מיר זענען דאָך אידן, מיין טאַטע איז דאָך אַ פרומער איד, ער האָט דעם ריכטיגן צלם אלקים, וויאַזוי וועל איך מיר פאַר אים באַווייזן, און וואָס וועט זיין מיט'ן חינוך פון אונזערע קינדער אַז דער טאַטע זעט נישט אויס אידיש?

מיין טייערע ווייב! זיי נישט אַזוי היסטעריש, דער אויסזען איז אַ קלייניגקייט, דער עיקר איז, איך דאַווען דריי מאָל אַ טאָג, איך האָב אַ שיעור אינדערפרי און אויף דער נאַכט, איך עס כשר'ס, איך גיב צדקה, איך האָב אַ אידיש האַרץ, דאָס איז דער עיקר!

*

דאָס אויבנדערמאָנטע קוקט אויס גאָר מאָדנע, עס גלויבט זיך קוים אַז דאָס קען געשען, עס וואונדערט זיך אויב דאָס האָט ווירקליך פּאַסירט, אָבער דאָס אייגענע געשעט יעדער טאָג טעגליך, און אויף אַ פיל ערגערן פאַרנעם, און דאָס טאָקע ביי די אויבנדערמאָנטע ווייב!

זי דרייט זיך אין די גאַסן געקליידעט אינגאַנצן נישט ווי אַ איד, אויפפאַלענד און רעש'יג, שמאָל און קורץ. גרין, געל, אָראַנדזש, פּורפּל, עס איז נישט קיין פעלער, מעג עס זיין ווי סטייליש און מאָדערן.

זי האַלט זיך פעסט ביי איר'ס, זי ווערט אַ גאַנצער פּוסק, "ווי לאַנג אַלעס איז צוגעדעקט טו איך גאַרנישט שלעכט".

דאָס זעלבע מיט איר שייטל, מען קען נישט דערקענען אַז דאָס איז אַ שייטל, יעדער איינער וועט זאָגן קלאָר אַז דאָס איז אירע האָר.

אָבער זי האַלט זיך פעסט: I don't see anything wrong as long as my head is covered.

זי דאַווענט דריי מאָל אַ טאָג, זי פירט זיך אַפילו מיט פאַרשידענע חומרות און זוכט נישט קיין היתר, אָבער ווען עס קומט צו צניעות ווייסט זי אַסאַך בעסער.

דער יצר הרע וועט איר לאָזן אַלע מצות מקיים זיין אַבי זי זאָל אין דעם ענין פון צניעות זיין נאַכלעסיג, ווייל אַזוי לאַנג ווי זי היט זיך נישט אין צניעות האָט ער איר זיכער געוואונען.

# היסטאָריע

מענטשן האָבן ליב צו ליינען אַלטע היסטאָריע און אַמאָליגע געשיכטעס. אין די היסטאָריע איז געווען דאָס בילד אַז אידישע פרויען - ווען זיי האָבן געמוזט גיין אויף די גאַס - האָבן זיי אָנגעטוהן אויף זיך אַ גרויסן ברייטן שאַל וועלכע האָט איינגעהילט דעם קאָפּ און אַ היבשן טייל פונעם קערפּער. אָט דאָס ווערט אָנגערופן אין פסוק "צעיף" (ביי רבקה אמנו שטייט: וַתִּקַּח אֶת הַצָּעִיף וַתִּתְכָּס, בראשית כ"ד), **דער רמב"ם** (הל' אישות פי"ג הי"א ופכ"ד הי"ב) **רופט דאָס אָן "רדיד"**. **דער ציל** פון דעם שאַל איז צו באַדעקן נאָך בעסער דעם גאַנצן קאָפּ (אויסער'ן טיכל וואָס ליגט אונטער דעם) און אויך דאָס גאַנצע הויכקייט פונעם האַלז און אַ טייל פונעם קערפּער.

אָט אַזוי זענען געגאַנגען בנות ישראל (און פיל גייען נאָך היינט אַזוי אין ירושלים) ביז די פּאַריזער מאָדעס האָבן איבערגענומען די אויבערהאַנט פון די גאַסן!

*

עס איז כדאי אַראָפּצובריינגען פון מדרש (רות רבה) וואו עס ווערט ערקלערט פון וואָס בועז איז אַזוי נתפעל געוואָרן פון דאָס אָרימע מיידל רות די שנור פון נעמי:

אַלע מיידלעך וועלכע זענען געקומען קלויבן (לקט שכחה ופאה) האָבן זיך אַראָפּגעבויגן און געקליבן, דאַקעגן רות האָט זיך אַראָפּגעזעצט און אַזוי געקליבן זיצנדיג. אַנדערע מיידלעך האָבן געפּלוידערט מיט די אַרבייטער אין פעלד, און רות האָט זיך אָוועקגעצויגן פון זיי מיט צניעות. רות האָט געמאַכט זיכער - כאָטש זי איז געווען פאַרנומען קלויבנדיג - אַז דאָס קלייד זאָל זיך נישט אונטערהייבן נאָר בלייבן בצניעות.

אָט דאָס איז אַן אמת'ע צנועה - זאָגט בועז - פון וועם עס קען זיך אַרויסציען **מלכות בית דוד!**

*

די שיעורים און די גדרים פון הלכות צניעות ווערן נישט ערקלערט אין די גמרא מיט אַזאַ פּונקטליכקייט ווי אַנדערע שיעורי מצות, צב"ש די סוכה ווענט,

לולב, ציצית, מחיצות עירוב, אַלעס האָט אַ פּונקטליכן שיעור. פאַרוואָס פאַרצייכענען נישט חז״ל די פונקטליכע מאָס פון די קליידער?

דער תירוץ איז, חז״ל האָבן געגעבן אויף צניעות איין גרויסן און שטאַרקן קלאָרן שיעור: **דת יהודית!** דאָס מיינט זאָגט דער רמב״ם (הל׳ אישות פכ״ד הי״ב): **איזו דת יהודית? הוא מנהג צניעות שנהגו בנות ישראל!** - ״דת יהודית מיינט דער צניעות פירונג וויאַזוי אידישע טעכטער פירן זיך!״ - וויאַזוי אידישע טעכטער האָבן זיך געפירט דורי דורות פון מתן תורה און אפילו נאָך פריער. דאָס איז דער גדר ביים קאָפּ צודעק, דאָס איז דער שיעור ביים האַלז, ביי די הענט, פיס, ביים רעדן און ביים גיין.

פון וואו האָבן טאַקע די הייליגע באָבעס געוואוסט דעם שיעור פון לבוש? ווייל השי״ת האָט אַריינגעגעבן אין געפיל פון אַ פרוי צו פאַרשטיין און צו דערשפירן אויף יעדן אבר און אויף יעדע באַוועגונג וויאַזוי צו זיין באַשיידן און אוממערקבאַר, וואָס דאָס איז פון אירע הויפט פליכטן אויף דער וועלט. ווי חז״ל זאָגן אַז ביי יעדע גליד וואָס השי״ת האָט באַשאַפן אין די ערשטע פרוי ״חוה״, האָט ער איר געזאָגט: **תהא אשה צנועה** - ״דו זאָלסט זיין אַ צניעות׳דיגע פרוי!״

פון וואו ווייסט אַ קינד פון אַ טאָג אַלט צו וויינען פאַר הונגער? פון וואו ווייסט אַ קעמל וויפיל צו טרינקען? אַלעס ליגט אין די נאַטור, אין די געפיל. די פרוי וואָס אירע געפילן זענען נאַטירליך - ד.מ. די געפילן זענען נאָכנישט פאַרטעמפּט און פאַרקרומט פון די גאַס - ווייסט זי אַליין פונקטליך וויאַזוי זיך צו קליידן און וויאַזוי צו רעדן און זיך פירן אין יעדן הינזיכט.

די שוואַכקייט פונעם היינטיגן דור האָט אָבער צוגעברענגט, אַז די רבנים שליט״א דאַרפן אונז געבן פונקטליכע שיעורים לויט די אינטשעס, פון די לענג און פון די ברייט פון די קליידער, כדי מיר זאָלן וויסן וויאַזוי זיך צו קליידן לויטן דת יהודית.

**אַ מאַגנעט**

דער שומר אמונים שרייבט: ווען די פרוי גייט אויף די גאַס אומ׳צניעות׳דיג, קלעבן זיך אָן אין אירע קליידער טויזנטער מזיקים וועלכע באַגלייטן איר אויפ׳ן גאַנצן וועג, און דאָס ברענגט איר אַלע שלעכטס רח״ל!

# אזהרה ובקשה

די חשוב'ע פרויען ווערן שטאַרק אויפגעפאָדערט נישט צו פאַרדוקן די מחיצות אפילו אביסל במשך די חתונה, נישט שטיין ביי די טיר פון די מענער זאַל, און אוודאי נישט אַריינטרעטן חלילה אין די מענער זאַל אויף קיין פאַל - ביזן בענטשן!

**דער הייליגער חפץ חיים זצ"ל שרייבט:**

בזמן שבחתונות יש פריצות ותערובות הרי בוודאי אין השכינה שורה שם, ובוודאי שזיווג בניהם לא יעלה יפה ויהיו קטטות ומריבות ביניהם וכן זרעם לא יהיה נכון לפני ה'.

- "ווען עס געפונט זיך ביי די חתונה פריצות און תערובות (ח"ו) דאַן געפינט זיך געוויס נישט די שכינה דאָרט, און געוויס וועט די זיווג נישט עולה יפה זיין (ח"ו), עס וועט הערשן קריגערייען צווישן זיי (ח"ו), אויך זייערע קינדער וועלן נישט געראָטן זיין (ח"ו)!"

(חפץ חיים בקונטרס אהבת חסד ח"ג פ"ו בהג"ה)

ביטע אויפהענגען אין די שמחה זאַלן

# סימפל סיימען...

ערגעץ וואו, געפונט זיך אַ מענטש וואָס שפילט מיט אונז דעם שפיל "סימפל סיימען סעד דאָ דיס". ווער קען דען נישט שפילן דעם שפיל? אפילו אַ קליין קינד וואָס קען נאָך נישט רעדן, קען נאָכמאַכן די תנועות פונעם "סימפל סיימען"...

וועט איר אוודאי פרעגן, אויב יעדער קען אים זען פאַרוואָס זעה איך אים נישט? קען זיין ווייל איך האָב נאָכנישט געטרישט מיינע גרויסע ראַמען פון דיברילן אויף די קליינע כמעט אומזעבאַרע רעמלעך וואָס מר. סימפל סיימען האָט געהייסן. וועט איר פרעגן פאַרוואָס איך האָב נאָכנישט געטרישט, פאַרדעם טאָקע שרייב איך דעם אַרטיקל, אַרויסצוברענגען מיין התפעלות פאַר די אַלע וואָס פאַרשטייען כמעט אויפן וואונק פונעם סימפל סיימען, און מיר נעמט אַזוי לאַנג צו כאַפן וואָס מען האָט יעצט צו טוען, און ביז דערוויל בין איך ללעג ולקלס.

איך מוז זיך טאָקע אויסרעדן דאָס האַרץ דאָ אויפן פאַפיר, אייך מיטטיילן וואָס עס האָט מיט מיר פאַסירט ווען איך בין געגאַנגען קויפן אַ נייע פאַר ברילן.

דרייענדיג זיך צווישן די שיינע אויסגעשטעלטע פאַליצעס פון געשעפט, זע איך אַז זיי האָבן נאָר קליינע רעמלעך. אינטערעסאַנט, טראַכט איך, אַ ברילן געשעפט נאָר פאַר קינדער? איך גיי צו צום פאַרקויפער, גראַדע אַ באַקאַנטע מיינס, און איך פרעג איר "זאָג נאָר עס לוינט דיר צו האַלטן אַ געשעפט נאָר פאַר קינדער ברילן?" קוקט זי מיך אָן מיט אומפאַרשטענדליכע אויגן: ניין,. דאָס איז פאַר כל דצריך... מענער פרויען און קינדער!"

איך האָב באַלד געכאַפּט וואָס דאָ גייט פאָר, און איך בין רויט געוואָרן פאַר בושה.

אַ צווייטע דורכפאַל איז געווען איין יאָר נאָענט צו ראש השנה. מיין שכנ'טע איז געקומען צו מיר מיט נייע קליידער, זיך שואל עצה זיין וויאַזוי עס צו פאַררעכטן. אַנקוקנדיג די קליידער, זאָג איך איר "אַזוי געשיקט בין איך נאָכנישט, שוין צו פאַררעכטן די וואָכענדיגע קליידער אויפן ווינטער? איך בין נאָך פאַרנומען צוצוגרייטן קליידער אויף די ימים טובים".

מיין שכנ'טע - קענטיג אַביסל אומבאַקוועם פון מיינע ווערטער - זאָגט זי, "איך ווייס? וואָכנ'דיג - שבת'דיג? איך האָב עס באַקומען פון מיין שוויגער אַ מתנה צו ניצן אויף שבת". - דאָ האָב איך שוין אַביסל מיטלייד געהאַט, איך פאַרשטיי גוט איר פאַרלעגנהייט, אַז די שוויגער זאָגט שבת'דיג קען מען עס נישט אָנטון אינדערוואָכן. גיב איך איר אָן עצה צו קויפן שיינע ווייסע בלוזקעס וואָס זאָל עס מאַכן אַביסל

שבת'דיג. יאָ - זאָגט זי - אפשר וועל איך טאַקע אַזוי טון. (אפשר יאָ, זיכער נישט).

גייענדיג צו די הקפות שמחת תורה ווערט מיר גוט אויפן האַרצן, דער גאַנצער עולם דרייט זיך מיט וואָכענדיגע קליידער און בלויע טייטס אָנשטאָט ווייס. (דאָס קען גראָדע זיין אַז נאָכן נוצן צוויי חדשים זומער טאָג טעגליך ווייסע טייטס איז אַלעס צוריסן געוואָרן און יעצט אויף יו"ט איז נאָר איבער געבליבן בלויע...), און טאַקע צווישן אַלע דערקען איך אויך די זעלבע קליידער ווי די שכנ'טע האָט מיר געוויזן, דאָ ערשט האָב איך געכאַפּט: "סימפל סיימען סעד דאָ דיס" - יעצט זאָגט מיר מיינע פריינד: פאַרוואָס האָב איך געדאַרפט זיין אַזוי צו נאַר אין מיין שכנ'טעס אויגן? פאַרוואָס האָב איך נישט געזען וואָס סימפל סיימען האָט געהייסן טון, אַביסל פריער?

יעצט וועל איך אייך דערציילן די געשיכטע פון מיינע טעכטער'ס האָר.

ווער געדענקט דען נישט פאַר יאָרן צוריק די "קרוין" וואָס האָט זיך גערופן אויף מאַמע לשון "מעכאָן פאָפּ". וויפיל האָט מען זיך געמוטשעט מיט דעם עס זאָל זיין ווי העכער, און די שענסטע איז געווען די וואָס האָט ערייכט די "העכסטע קרוין", ווער איז דען געווען איר'ס גלייכן, זי האָט זיך דאַן געפילט ווי אַן אמת'ע בת מלך...

שוין גוט, איך האָב משלים געווען, כאָטש טיף אין האַרצן איז עס מיר נישט געפאַלן, אָבער "יעדער גייט אַזוי" איז אַ סימן אַז דאָס איז שיין. אַזוי צופרידענערהייט גיי איך איינמאָל אויפן גאַס מיט מיינע טעכטער מיט די האָר קרוין, זע איך אַ מיידל גייט מיר אַדורך, איך ווער אינגאַנצן נתפעל, אַזאַ איידלע מיידל, איר האָר אינגאַנצן אַראָפּגעפלעטשט מיט אַ שפּילקע פון הונטן. איך שעם זיך פאַר מיר אַליין אַז מיינע קינדער גייען אַזוי "פענסי" און דאָ גייט אַ מיידל אַזוי פשוט מיט די האָר. אַזוי שפּאַצירנדיג ווייטער קומט מיר אַנטקעגן איין איידלע מיידל נאָך די צווייטע, די האָר אינגאַנצן פלאַך מיט אַ שפּילקע פון הונטן, ביז עס קלאַפּט מיר אין קאָפּ, גיי שנעל אַהיים ווייל ביסט אינגאַנצן צו נאַר מיט די שיינע קרוינען אויף דיינע טעכטער'ס קעפּ.

דער איבערגאַנג איז נישט געווען קיין שווערע, אַראָפּלאַטשן אַלע האָר און לייגן אַ שפּילקע, מסכים. אַזוי דאַרף מען יעצט!

גייט נישט אַדורך אַ לאַנגע צייט און מען זאָגט מיר אַז מען קען נישט אַזוי טון מיט קינדער, זיי לאָזן מיט אַזעלכע האָר. וואָס איז? פרעג איך. וואָס הייסט, זעסטו דען נישט אַז מען גייט נישט אַזוי היינט? די האָר דאַרפן זיין אָן אַ שפּילקע און אָן אַ 'פאַרט'. אָבער, טענה איך, די האָר פליען דאָך אין די אויגן? מ'געט זיך אַן עצה, עס

לוינט נישט וועגן דעם צו פאַרלירן דעם שפּיל!

קוים אָפּגעאָטעמט, און מיין טאַכטער קומט אַהיים, מאַמי, איך קען מער נישט... אַזוי זיך אַרומצודרייען... יעדער מיינט אַז איך בין אַ פאַרבלייבעניש פון מתושלח! וואָס הייסט? פרעג איך דערשראָקן, מען מוז טוישן די האָר סטייל! שוין ווייטער? און וואָס דאַרף מען יעצט טון? יעצט, זאָגט זי, איז איין זאַך גרינגער ווי ביז יעצט, ביז היינט האָב איך געדאַרפט גיין צום בעסטן "האָר סטייליסט" און אויסגעגעבן אַסאַך געלט ווייל איך האָב געוואָלט עס זאָל זיין גראָד געשניטן, יעצט דאַרף איך אין ערגעץ נישט גיין.

מען נעמט די קלענסטע קינד פון הויז, מען גיט איר אַ שערל און מען הייסט איר שניידן, ווי מער אומאייניג די האָר זענען געשניטן איז עס אַלס שענער! שענער? פרעג איך, יאָ, וועסט שוין זען. בלית ברירה ברענגט מען אַפּיר די 5'יעריגע שוועסטער, זי קען זיך אַליין נישט גלייבן וואָס מען הייסט איר דאָ טון, זי קוקט מיר אָן צי איך מיין עס ערנסט, און יאָ זי הייבט אָן צו שניידן, און טאַקע געלונגען! אַזוי גייט יעדער איז זי מיר מסביר. פיין, ביסט צופרידן? יאָ, אָבער מאַמי דאָס איז נאָכנישט די ענדע, יעצט דאַרף מען מאַכן אַ "מידל פּאַרט". איך הייב אָן צו קעמען און די האָר שטעלן זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגן, ס'טייטש ביז יעצט האָבן מיר געקענט זיין געבויגן וויאַזוי מיר האָבן געוואָלט, און יעצט טיילט מען אונז איין ווי צו שטיין, פון רעכטס אויף לינקס און אַ טייל פון לינקס אויף רעכטס.

איך בין דאָך פּאַרט בעל הבית, אויב עס גייט נישט מיט גוטן וועט עס מוזן גיין מיטן בייזן. איך נעם אַ גרויסע לעפל דיפּערידאַ, זאַפּט פון אַ לעמאָן, דריי לעפל צוקער, און איך מיש עס גוט אויס, אוי האָבן זיך די האָר געשטעלט פונקט ווי איך האָב געהייסן.

אַז איר מיינט אַז איך בין פערטיג האָט איר אַ טעות, יעצט דאַרף איך אַ דינע העד בענד. זי נעמט די העד בענד און לייגט עס פונקט אויפן גרעניץ פון די האָר מיטן שטערן. "טאַכטער זיסע וואָס טוסטו? דו זעהסט דאָך אויס ווי אַ חסר דעה". שריי איך, - מאַמי, אַזוי זאָגט סימפל סיימען און יעדער פאָלגט, פאָלג איך אויך ווי אַ גוט קינד.

נאָכן זיך באַרואיגן און אַריינטראַכטן האָב איך אַנערקענט די ריכטיגקייט פון די לעצטע סטייל. אַזוי ווי מען ניצט דאָך נישט דעם אייגענעם שכל, יעדער טוט וואָס יעדער טוט, מען טראַכט נישט וואָס איז שיין אָדער מיאוס, וואָס איז אידיש אָדער גוי'איש, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט, נאָר יעדער גייט ווי אַ שעפּעלע נאָך די סטאַדע.

יעצט טייערע לייגער וועל איך אייך מעלדן אין נאָמען פון הייליגן רבי ר׳ מענדעלע מרימנוב זצ״ל, 1) ווער איז דער סימפל סיימען? ״אשמדאי״ טוט זיך אָנקליידן יעדע שטיקל צייט אין אַ נייע מאָדע. 2) וואו ער געפונט זיך? פון פּאַריז ביז איבער דער גאָרער וועלט. 3) וואָס איז דער צוועק פונעם שפּיל? מאַכן זינדיגן רח״ל אידישע קינדער. 4) ווער זענען די געוואונער און די פאַרלירער פונעם שפּיל? דער געוואונער איז דער שטן, וואָס שטייט און לאַכט פון אונז וויאַזוי מען פּאַלגט אים - לאַנג קורץ, ברייט שמאָל, אַרויף אַראָפּ, גדעי, מעראַן, פערפל - מען שטעלט זיך אויפן קאָפּ לויט זייער וואונק! די פאַרלירער ליידער זענען מיר אידישע קינדער, מיר פאַרלירן די קרוין פון די אידישע טאָכטער, מיר פאַרלירן עולם הזה מיט עולם הבא צוזאַמען, מיר פאַרלירן אַלע ברכות וואָס דער באַשעפער האָט אונז צוגעזאָגט אויב מיר וועלן זיך פירן בצניעות.

## דברות קודש מהגה״ק מסאטמאר זצ״ל

...נאָך וויל איך זאָגן, דער עולם פאַרט יעצט אין די קאַנטרי׳ס, פאַרהאַן אַזעלכע וואָס מיינען אַז דאָרט מעג מען אַלעס... פאַרהאַן נשים וועלכע גייען אָנגעטוהן ביים באָדן בפריצות (שווים-הויז). דאָס איז אַ גרויס חציפות! אפילו ווען מען איז אַליין טאָר מען נישט גיין אַזוי, כל שכן צוזאַמען מיט אַנדערע! (יום ב׳ דשבועות שנת תשי״ט קודם קריאת התורה)

אידישע טעכטער! האָט רחמנות אויף אייך און אויף אייערע הייזער. וואויל און לעכטיג וועט זיין ווען משיח וועט קומען, פאַר דעם וואָס מען וועט קענען ווייזן פאַר׳ן מלך המשיח ״די האָבן צוגעהאָלפן מקרב זיין די גאולה״. ווי ביטער חלילה וועט זיין פאַר די וואָס מען וועט ווייזן ״די האָבן אויפגעהאַלטן די גאולה״. וואָס פאַר אַ פנים וועלן מיר האָבן פאַר׳ן מלך המשיח?״ (כל נדרי תש״כ)

מיר ווייסן גאַנץ גוט אַז נישט מיט איינמאָל רייסט מען זיך אינגאַנצן אָפּ פון אידישקייט, מען הייבט אָן מיט קליינינקייטן און מען גייט ווייטער, דער פעלער איז נאָר ביים אָנהייב, עס הייבט זיך אָן ביי די דרכי הצניעות און דאָס איז דער גורם פון אַלע צרות! (הושענא רבה תשט״ו)

# והיה מחניך קדוש

**אַכטונג חשוב'ע פרויען: פרייטאָג צו נאַכט'ס ווען דער פאַרקער ביי די שבע ברכות זאַלן זענען גרויס, ביטע שטעלט אייך נישט אָפּ שמועסן אויף די גאַס פאָרנט פונעם זאַל, ווייל דאָס שטערט מורא'דיג פאַר די מענער.**

ביטע מאַכט אויך אויפמערקזאַם אויף דעם אייערע קרובים און גוטע פריינד ווען איר זעהט זיי גרופעס-ווייז נעבן דעם זאַל. דער שכר פון מזכי הרבים איז גאָר גרויס!

**דער הייליגער רבי ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל שרייבט:**

... די נשים דאַרפן זיין צניעות'דיג זיך צו געפונען אין זייער געצעלט. ליידער שטעלן זיי זיך אָפּ אויף די גאַס אַזוי אַז עס איז כמעט אוממעגליך פאַר די מענער זיי אויסצוקרויזן. איך בעט אייך! צו וואָס פעלט דאָס אויס? פאַרוואָס זאָל מען אַריינברענגען אידישע קינדער צו נסיונות? טוטס אָנערקענען אייער שלעכטס! האַלט אייך צוריק פון דעם!

(ספר יערות דבש ח"א דרוש ח')